19 אַריין, איז ער הונגעריק געוואָרן. און האָט
דערזעען אַן אייַנציקן פֿייַגנבוים בייַם וועג, און איז
צוגעגאַנגען צו אים, און האָט גאָרנישט געפֿונען
אויף אים אַ חוץ בלעטער אַליין; און ער זאָגט צו
אים: עס זאָל מער נישט וואַקסן אויף דיר קיין
פּירות ביז אויף אייביק! און דער פֿייַגנבוים איז
20 באַלד פֿאַרדאַרט געוואָרן. און ווען די תלמידים
האָבן עס געזעען, האָבן זיי זיך געוואונדערט, און
געזאָגט: ווי איז דער פֿייַגנבוים אַזוי פּלוצלונג
21 פֿאַרטרוקנט געוואָרן! ישוע אָבער האָט ענטפֿערנדיק
צו זיי געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: ווען איר זאָלט
האָבן אמונה, און נישט צווייפֿלען, וועט איר טון
נישט נאָר דאָס מיט דעם פֿייַגנבוים, נאָר אַפֿילו
אויב איר וועט זאָגן צו דעם דאָזיקן באַרג: הייב דיך
אויף און וואַרף דיך אין ים אַריין, וועט עס געשעען.
22 און אַלץ, וואָס איר וועט בעטן אין תּפֿילה, אויב איר
וועט גלויבן, וועט איר עס באַקומען.
23 און ווען ער איז געקומען אין בית־המקדש אַריין,
זענען די הויפּט־כּהנים און די זקנים פֿון דעם פֿאָלק
צוגעגאַנגען צו אים, בשעת ער האָט געלערנט, און
האָבן געזאָגט: מיט וואָס פֿאַר אַ רשות טוסטו די
דאָזיקע זאַכן? און ווער האָט דיר געגעבן דעם דאָזיקן
24 רשות? און ישוע האָט ענטפֿערנדיק צו זיי געזאָגט:
איך וועל אייך אויך פֿרעגן איין זאַך, וואָס אויב
איר וועט מיר זאָגן, וועל איך אייך אויך זאָגן מיט
25 וואָס פֿאַר אַ רשות איך טו די דאָזיקע זאַכן. יוחנן'ס
טבילה פֿון וואַנען איז געווען? פֿון הימל אָדער פֿון
מענטשן? און זיי האָבן עס איבערגעלייגט צווישן
זיך, אַזוי צו זאָגן: וועלן מיר זאָגן: פֿון הימל, וועט
ער זאָגן צו אונדז: טאָ פֿאַרוואָס האָט איר אים נישט
26 געגלייבט? וועלן מיר אָבער זאָגן: פֿון מענטשן,